# LESSON 4

## פֿערטע לעקציע

# די פֿרידמאַנס אין דער היים

הער פֿרידמאַן און פֿרוי פֿרידמאַן וווינען אין אַ שיין הויז אין ניו-יאָרק צוזאַמען מיט זייערע קינדער. זיי האָבן צוויי קינדער: אַ זון, שלמה, און אַ טאָכטער, אסתּר. שלמה לערנט זיך מעדיצין, ווײַל ער וויל זײַן אַ דאָקטער. פֿרל׳ פֿרידמאַן גייט אין קאָלעדזש.

שלמה איז אסתּרס ברודער. אסתּר איז שלמהס שוועסטער.

שלמה קומט אַהיים פֿון שול. פֿר׳ פֿרידמאַן איז אין אַן אַנדער צימער. „מאַמע, דו אַרבעטסט?״ פֿרעגט שלמה.

„יאָ, איך אַרבעט,״ זאָגט די מאַמע. „און וואָס טוסטו, שלמה?״

„איך קום איצט פֿון שול. דער טאַטע איז שוין אין דער היים?״

„ניין, אָבער ער קומט באַלד,״ זאָגט פֿר׳ פֿרידמאַן. „ער קומט צוזאַמען מיט אסתּרן.״

ה׳ פֿרידמאַן און אסתּר קומען אַהיים. דער טאַטע זעט, אַז שלמה לייענט אַ בוך. „וואָס לייענסטו, שלמה?״ פֿרעגט ער.

„איך לייען אַ ייִדיש בוך, טאַטע.״

„ווי הייסט דאָס בוך?״

„איך לייען שלום-עליכמס מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער.״

„איך קען דאָס בוך!״ זאָגט ה׳ פֿרידמאַן. „עס איז זייער אַן אינטערעסאַנט בוך.״

אסתּר קומט אויך אַרײַן אין צימער. „איך הער, אַז איר רעדט שוין ווידער וועגן ביכער,״ זאָגט זי. „גענוג. די מאַמע זאָגט, אַז מיר קענען שוין עסן.״

„דו הערסט, שלמה? די מאַמע זאָגט, אַז מען קען שוין עסן. אסתּר. מיר קומען באַלד.״

## VOCABULARY

• אַהיים home (*motion towards*)
• אַז that (*not a sentence unit*)
• איר you (*plural*)
• איך I

- אַנדער other
- אסתּר Esther [ESTER]
  אסתּרס Esther's
- אַרבעט works
  אַרײַ'ן in
- באַלד soon
- דאָס בוך (ביכער) book
- גענו'ג enough
- דער דאָקטער (דאָקטוירים) doctor
- דו you (*singular*)
  ה': הער *abbreviation of*
- היים: אין דער היים at home
- הייסט (*followed by the nominative*) is called
- הער Mister
- הערט hears
- ווי how
- ווידער again
- ווײַל because
- וויל (*no ending in the singular*) wants
- דער זון (זין) son
- זי she
  זײַן to be
  זיי'ערע their
- דער טאַטע (ס) father
- די טאָכטער (טעכטער) daughter
- טוט does
- די מאַמע (ס) mother
- מיר we
  (די) מעדיצי'ן medicine
- די מעשה (מעשׂיות) [MAYSE—MAYSES] story
- עס it
- עסט eats
  עסן to eat (*infinitive*)
- ער he
  פֿר': פֿרוי *abbreviation of*
- פֿרוי Mrs.
  פֿרײַלין Miss
  פֿרל': פֿרײַלין *abbreviation of*
- דער צימער (ן) room
  דער קאָלעדזש (ן) college
- קען can, is able
- די שוועסטער (—) sister
- שוין already
  שלום־עליכם [shOLEM-ALEYKhEM] Sholom Aleichem, famous Yiddish writer
- שלמה [shLOYME] *man's name* (*Yiddish equivalent of* Solomon)

**NOTE:** ער ווייסט **means *he knows* (*a fact, an answer*), and is usually followed by a clause.**

ער קען **means *he knows* (*a person, a language*), and is always followed by a noun.**

ער קען **also means *he can, he is able to.***

## QUESTIONS

1. ווּ וווינט ה' פֿרידמאַן? 2. ווער וווינט אין דעם הויז? 3. ווי הייסט דער זון? 4. ווי הייסט די טאָכטער? 5. וואָס וויל שלמה זײַן? 6. ווּ לערנט זיך שלמהס שוועסטער? 7. וואָס טוט די מאַמע? 8. ווען קומט אסתּר? 9. וואָס לייענט שלמה? 10. צי קען דער טאַטע דאָס בוך? 11. צי לייענט אסתּר צוזאַמען מיט שלמהן? 12. וואָס זאָגט אסתּר? 13. וואָס טוען זיי אַלע?

## GRAMMAR

### 1. Personal Pronouns

| | SINGULAR | | PLURAL | |
|---|---|---|---|---|
| 1ST PERSON | איך | I | מיר | we |
| 2ND PERSON | דו | you | איר | you |
| 3RD PERSON | ער | he | זיי | they |
| | זי | she | | |
| | עס | it | | |

### 2. Present Tense

The present tense is formed by adding endings to the base of the verb. The first person singular is identical with the stem. A verb with the base —זאָג *say* is conjugated as follows:

| | SINGULAR | PLURAL |
|---|---|---|
| 1ST PERSON | איך זאָג | מיר זאָגן |
| 2ND PERSON | דו זאָגסט | איר זאָגט |
| 3RD PERSON | ער זאָגט | זיי זאָגן |

A few verbs are irregular in that no —ט ending is added in the third person singular, such as ער וויל *he wants,* and ער קען *he can.* Wherever this irregularity occurs, it will be noted in the vocabulary.

If the stem of the verb ends in —ם, —ן, —נג, —נק, syllabic —ל, or a stressed vowel or diphthong, the ending for the first and third persons plural is —ען instead of —ן:

איך לייען: מיר לייענען, זיי לייענען
איך זע: מיר זעען, זיי זעען
איך גיי: מיר גייען, זיי גייען
איך קום: מיר קומען, זיי קומען
איך זינג: מיר זינגען, זיי זינגען
איך טרינק: מיר טרינקען, זיי טרינקען
איך שמייכל: מיר שמייכלען, זיי שמייכלען

If the stem of the verb ends in —ט, no ending is added in the third person singular or the second person plural:

איך אַרבעט: ער אַרבעט, איר אַרבעט

If the stem of the verb ends in —ס, the ending for the second person singular is simply —ט instead of —סט:

איך עס: דו עסט

The present tense in Yiddish covers the meaning of both the simple present and the progressive form of English; the English translation is determined by the context.

איך לייען I read; I am reading

### 3. סטו—Form

וואָס לייען איך? — איך לייען אַ בוך

וואָס לייענסטו? — דו לייענסט אויך אַ בוך?

If the subject of a sentence is דו *you,* and it comes after the verb, then the verbal ending is fused with דו into the ending —סטו:

לייענסט+דו = לייענסטו

ווילסט+דו = ווילסטו

אַרבעטסט+דו = אַ׳רבעטסטו

### 4. Declension of Names

While common nouns do not have case endings, a case ending is added in the accusative and dative to *names* of persons, both masculine and feminine. The ending is —ן; it is replaced by —ען if the name ends in —ם, —ן, syllabic —ל, or a stressed vowel.[1]

| | | |
|---|---|---|
| NOMINATIVE | אײַנשטיין איז אַ ייִד | משה איז אין דער היים |
| ACCUSATIVE | ער קען אײַנשטיינען | איך זע משהן |
| DATIVE | מיר ווייסן וועגן אײַנשטיינען | איך רעד מיט משהן |

The noun דער טאַטע *father,* although not a name, also has a case ending:

| | |
|---|---|
| NOMINATIVE | דער טאַטע |
| ACCUSATIVE-DATIVE | דעם טאַטן |

### 5. Inflection of אַנדער

אַן אַנדער מענטש, אַן אַנדער שטאָט, אַן אַנדער לאַנד, קיין אַנדער לערער

דער אַ׳נדערער מענטש, דעם אַ׳נדערן מענטש, די אַ׳נדערע שטאָט, דאָס אַ׳נדערע לאַנד

When preceded by the indefinite article, אַנדער *other* remains uninflected in all genders and cases of the singular. When preceded by a definite article, it is inflected like an ordinary adjective to agree in case and gender with the noun which it precedes.

In the plural, it is always **אַ׳נדערע.**

---

[1] If the name ends in stressed [I] the י is respelled יִ before —ען; thus צבֿי [TSVI], צבֿיִען [TSVIEN].

## 6. Omitting the Article

In certain idiomatic expressions of place, the definite article is customarily omitted. For instance:

| | |
|---|---|
| אין צימער | in the room |
| אין פּאַרק | in the park |
| לעבן פּאַרק | near the park |
| אין שול | in school, to school |
| פֿון שול | from school |

## EXERCISES

A. Conjugate the following verbs in the present tense, as follows:

| | |
|---|---|
| איך הער | מיר הערן |
| דו הערסט | איר הערט |
| צי הערסטו? | זיי הערן |
| ער הערט | |

1. איך אַרבעט. 2. איך פֿרעג. 3. איך ענטפֿער. 4. איך טו. 5. איך קום. 6. איך לייען. 7. איך רעד.

B. Rewrite the following sentences, changing the singular into the plural and the plural into the singular:

1. ער איז אַ לערער. 2. אין וואָסער שול אַרבעט ער? 3. דו לערנסט זיך אין שול. 4. די טעכטער אַרבעטן אין דער היים. 5. די קינדער שפּילן זיך אין פּאַרק. 6. דער זון פֿאַרקויפֿט אַ בוך. 7. מיר עסן אין דער היים. 8. ווי הייסט איר? 9. איר קומט באַלד אַהיים אָדער ניט? 10. דו קענסט שוין גוט ייִדיש. 11. מיר ווייסן ניט גענוג. 12. זי לייענט אַ סך ביכער. 13. וואָס זאָגסטו? 14. איך זאָג, אַז איך ווייס ניט ווו יוסף וווינט. 15. ער ענטפֿערט ניט. 16. זי וויל ניט דאָס בוך. 17. איך גיי שפּאַצירן אין פּאַרק. 18. ער איז אין גרויסן צימער.

C. Replace the dashes by the proper forms of the names given in parentheses:

1. איך לערן זיך צוזאַמען מיט —— (אסתּר). 2. דער טאַטע קען גוט —— (שלמה). 3. די תּלמידים רעדן מיט —— (שטיינבערג). 4. די קינדער שפּילן זיך מיט —— (משה). 5. זיי לערנען זיך וועגן —— (שלום־עליכם). 6. מען זעט ניט —— (דער טאַטע). 7. די מאַמע הייסט —— (טײַבל).[2] 8. איך האָב דאָס בוך פֿון —— (יוסף). 9. מיר גייען שפּאַצירן צוזאַמען מיט —— (דער טאַטע). 10. וואָס ווייסטו וועגן —— (דאַנטע)?

[2] הייסן takes the nominative; see p. 62, line 7.

D. In the following sentences, replace indefinite articles by definite articles, and add appropriate endings to אַנדער:

1. דער ברודער וווינט אין אַן אַנדער שטאָט. 2. איך וויל ניט קיין
אַנדער בוך. 3. דער לערער רעדט מיט אַן אַנדער תּלמיד. 4. מיר האָבן
ניט קיין אַנדערע זאַכן. 5. זיי שרײַבן אויף אַן אַנדער טאָוול. 6. אַן אַנדער
קינד זאָגט עס. 7. ער שרײַבט אין אַן אַנדער העפֿט. 8. מען פֿרעגט אַן
אַנדער מענטש. 9. אַלע טאָג גייען זיי שפּאַצירן אויף אַן אַנדער גאַס.
10. אין דער היים לייענט זי אַן אַנדער בוך.

E. Translate the following sentences into Yiddish. Italicized words in ( ) are explanatory.

1. Are you (*plural*) selling newspapers? 2. I don't want it; I eat enough at home. 3. We come from another city in Canada. 4. The brother and sister study in New York, but the father lives in Philadelphia; he also works there. 5. We read about [George] Washington. 6. Today we read about Washington [D. C.]. 7. Why don't you (*singular*) know it? 8. What is your (*sing.*) name? (=how are you called?) 9. My name is Shloyme. 10. I see Moyshe and Taybl. 11. People say that the doctor is at home every afternoon (=every day in the afternoon). 12. It is a very interesting book. 13. I know it because I know Yiddish already. 14. What are you (*sing.*) writing in the notebook? 15. I am writing about (the) father. 16. In school we study about Lincoln and Jefferson. 17. The brother comes home alone. 18. I am reading this very good story. 19. I am going home again. 20. Mrs. Sore Stein's daughter, Miss Esther Stein, is coming home soon. 21. Mr. Stein is at home already because he does not work today. 22. Do you know what he does? 23. It is said that he sells books or newspapers.

## YIDDISH COMPARED TO GERMAN

The assumption that Yiddish is derived from German is as inaccurate as the frequently heard statement that man is descended from monkeys. Actually, modern Yiddish and modern German have a common ancestor in the dialects of medieval Germany, just as present-day man and ape may be said to be descended from a common pre-human, pre-simian ancestor.

When the Jews settled in Germany in the 9th and subsequent centuries, they introduced into their newly acquired speech, from the very outset, numerous words of Hebrew and Romance derivation, connected with the specific Jewish way of life. In the German element of the Jewish speech, peculiarities began to crop up, too, since the Jews formed a cultural group of their own.

As time went on, the differences between Jewish and non-Jewish speech in Germany became increasingly marked. When many Jews migrated eastward, first within German lands and then into Slavic-speaking countries, Yiddish developed along independent lines into a separate language. Meanwhile, the German of the Middle Ages was changing into modern German.

The differences between Yiddish and German are reflected not only in the vast divergence of their vocabularies, but also in morphology and the sound system. For instance, the medieval German word 'vater' developed into 'foter' in modern Yiddish, while appearing as 'Vater' in modern standard German. Medieval German had the words 'hînaht' *tonight* or *last night*, and 'hiute' *today*. The former is preserved in modern Yiddish as 'haynt' *today*, while the latter is retained in modern German as 'heute' *today*. A substantial group of Middle High German words have been preserved in Yiddish but not in standard German, and vice versa. This phenomenon is of great interest both to historians and linguists.

In the 19th century, when the Jewish Enlightenment (Haskole[3]) with its German orientation spread among the Yiddish-speaking Jewish intelligentsia of Eastern Europe, a number of words from modern German were introduced into Yiddish. It was not long, however, before a "purist" resistance to this borrowing gathered strength. By the time that Yiddish writers and teachers began to free Yiddish of this influx, many words from modern German had already passed into common usage and are today considered legitimate elements of the standard Yiddish vocabulary. Thus we sometimes have curious doublets like די קאָרט *playing card* and די קאַרטע *map*. The first dates back to the Middle Ages; it was taken from Latin 'charta' and appears in Middle High German as 'karte'

3 A modern Hebrew form of this word is Haskalah, and it is in this spelling that the word usually occurs in English texts.

*card.* The same word appears as 'Karte' in modern German and has received the additional meaning of *map*. In the 19th century it was introduced into Yiddish to mean *map* only. In consequence, modern Yiddish has two different words, קאָרט and קאַרטע, where modern German has only one.